בס"ד

# פרד"ס יהודה

עלון שבועי באידיש ע"י יהודה זבולון הלוי קליטניק

פרשת כי תשא תשע"ח

גליון 447 [שנה י']

**פארוואס האט משה רבינו מורא געהאט?**

וְנָתְנוּ אִישׁ כֹּפֶר נַפְשׁוֹ לַה' בִּפְקֹד אֹתָם: (ל' יב) שטייט אין מדרש: ווען משה רבינו האט געהערט אז מען דארף געבן אִישׁ כֹּפֶר נַפְשׁוֹ, האט ער מורא געהאט אפשר מיינט דאס דער אויבערשטער כפשוטו אז מען וועט דארפן געבן דעם נפש אלץ א אויסלייז! האט אים דער אויבערשטער געוויזן א מטבע און געזאגט זֶה יִתְּנוּ, די געלט וועט זיין א אויסלייז פאר דעם נפש. צו פארשטיין פארוואס האט משה רבינו מורא געהאט? נאר עס שטייט אין גמ' (ברכות ס"ב:) אז אֲבִישַׁי בֶּן צְרוּיָה איז געווען גלייך אזוי ווי רוב פון די סנהדרין, און עס שטייט אין פרקי דרבי אליעזר (פרק מג) לא נפל מישראל אלא אֲבִישַׁי בֶּן צְרוּיָה בלבד, שהיה שקול במעשיו הטובים ובתורתו כנגד ע' אלף איש, שנאמר (דברי הימים א' כ"א י"ד) וַיִּפֹּל מִיִּשְׂרָאֵל שִׁבְעִים אֶלֶף אִישׁ, אנשים אין כתיב כאן אלא איש, שטייט נישט אנשים זענען געשטארבן נאר איש איינער וואס איז שקול אזוי ווי ע' אלף איש, און דאס איז געווען אֲבִישַׁי בֶּן צְרוּיָה, ממילא משה רבינו איז זיכער געווען אין די מדריגה פון אֲבִישַׁי בֶּן צְרוּיָה, האט ער מורא געהאט אז "אִישׁ" כֹּפֶר נַפְשׁוֹ מיינט אז ער –משה– וועט זיין די כפרה פאר כלל ישראל, דעריבער האט אים דער אויבערשטער בארוהיגט און געזאגט זֶה יִתְּנוּ, זיי זאלן געבן די מטבע פאר א אויסבייט פון דעם נפש. (אברהם אנכי פאלאג"י בשם חי' הגאונים)

**וואס מיינט רוח אלקים?**

וָאֲמַלֵּא אֹתוֹ רוּחַ אֱלֹקִים בְּחָכְמָה וּבִתְבוּנָה וּבְדַעַת: (ל"א ג) וואס איז דער ענין פון רוּחַ אֱלֹקִים? נאר די תורה הק' איז מעיד אז בצלאל איז געווען אויף אסאך א העכערע מדריגה פון די חכמי לב. ער האט אויך געהאט רוּחַ אֱלֹקִים, וואס דאס איז רוח הקודש, און צו וויסן זאכן גלייך פון אויבערשטן אפילו דאס וואס משה האט אים נישט באפוילן, משא"כ ביי די חכמי לב שטייט וּבְלֵב כָּל־חֲכַם לֵב נָתַתִּי חָכְמָה וְעָשׂוּ אֵת כָּל־אֲשֶׁר צִוִּיתִךָ: (פסוק ה) נאר וואס מען האט זיי באפוילן האבן זיי געוואוסט און נישט מער. (אמרי שפר ר' שלמה קלוגער)

**וואסמיינט אז שבת איז דער אות מיט הקב"ה?**

אַךְ אֶת שַׁבְּתֹתַי תִּשְׁמֹרוּ כִּי אוֹת הִוא בֵּינִי וּבֵינֵיכֶם לְדֹרֹתֵיכֶם: (ל"א י"ג) דארף מען פארשטיין מיט וואס איז שמירת שבת דער צייכן אז מען איז א איד און אז מען איז מחלל שבת איז מען חלילה נישט א איד? נאר מען קען ענטפערן אז אויב א איד טוט א עבירה און איז עובר א איסור איז ער נאך נישט א גוי ווייל א גוי מוז נישט עובר זיין דעם איסור, אבער ביי חילול שבת איז מוכרח אז דער גוי מוז מחלל שבת זיין ווייל גוי ששבת חייב מיתה, א גוי וואס היט שבת איז חייב מיתה, (סנהדרין דף נ"ח:) ממילא א איד וואס איז מחלל שבת שרייט אויס ער איז א גוי! אבער דער וואס היט שבת שרייט ער איז א איד! דאס איז דער אוֹת בֵּינִי וּבֵינֵיכֶם. (תפוחי חיים פאנעט דעעש קארלסבורג)

**פארוואס האבן די פרויען נישט געוואלט געבן זייער צירונג צום עגל?**

וַיֹּאמֶר אֲלֵהֶם אַהֲרֹן פָּרְקוּ נִזְמֵי הַזָּהָב אֲשֶׁר בְּאָזְנֵי נְשֵׁיכֶם בְּנֵיכֶם וּבְנֹתֵיכֶם וְהָבִיאוּ אֵלָי: (לב ב) רש"י ברענגט (מגילה דף כ"ב:) ד"ה ראשי חדשים, פון פרקי דרבי אליעזר(פ' מ"ה) אז די פרויען האבן נישט געוואלט געבן זייער צירונג צו זייערע מענער ווייל זיי האבן געזאגט אז דאס וואס די מענער ווילן מאכן וועט זיי נישט קענען העלפן און דער אויבערשטער האט זיי געגעבן שכר אז די פרויען האבן א גרעסערע חלק אין היטן ראש חודש מער פון די מענער, און לעתיד לבא וועלן זיי באקומען די שכר פון עתידות להתחדש אזוי ווי די לבנה וועט זיך באנייען אזוי וועלן די פרויען ווערן באנייט און דאס זאגט דוד המלך הַמַּשְׂבִּיעַ בַּטּוֹב עֶדְיֵךְ תִּתְחַדֵּשׁ כַּנֶּשֶׁר נְעוּרָיְכִי: (תהלים קג ה) דאס צו פארשטיין: אז די גמ' (עירובין דף ק' ע"ב) זאגט עֶשֶׂר קְלָלוֹת נתקללה חַוָּה, ביי די חטא פון עץ הדעת, און די לְבָנָה האט מען אויך געשטראפט און זי איז געווארן קלענער ווייל זי האט געזאגט "אי אפשר לשני מלכים שישתמשו בכתר אחד" (חולין דף ס ע"ב) אבער לעתיד לבא שטייט וְהָיָה אוֹר־הַלְּבָנָה כְּאוֹר הַחַמָּה (ישעי' ל כו) אז די לבנה וועט ווערן אזוי גרויס ווי די זון, דאס מיינט דער מדרש, שהן עתידות להתחדש כמו ראשי חדשים, אז די פרויען וועלן זיין אזוי ווי די לְבָנָה וואס וועט צוריק ווערן גרויס, אזוי וועלן די צען קללות פון די פרויען אויך בטל ווערן און זיי וועלן צוריק זיין אזוי ווי פַאֲרן חטא פון עץ הדעת. (בית ישראל השלם למוח"ז האדמו"ר ממאטטערסדארף זצוק"ל)

### שבת כי תשא –שייכות צו פורים –
### א ביסל בגילופין אבער עס איז אמת

די יאר תשע"ח פאלט אויס פורים פון י"ד אין א דאנערשטיג און פרייטיג איז פורים פון מוקפים. און אין ירושלים וועט זיין פורים פרייטיג און עס ציהט זיך אריין אין שבת קודש, און אזוי ווי מיר האלטן דער מולד פון ירושלים, און אונזערע אויגן איז כסדר אויף ירושלים, מוז דער שמחת פורים זיך ממשיך זיין אין דעם שבת, און אפשר וועגן דעם איז דאס א שבת הפסקה ווייל מען איז נאך פורים'דיג און אין מערבין שמחה בשמחה. אבער אזא שבת האט זיכער א גרויסער כח צו משפיע זיין שמחה אויף א גאנץ יאר ווייל א פשוטע שבת איז פול מיט שמחה און דער שבת האט אויך די שמחה פון פורים, און בפרט אז שיתסר איז א זמן פון מגילה לויט די הוה אמינא פון די גמ' מגילה דף ב ע"א, קומט אויס אז די הארה פון נס איז אויך אין דעם טאג, ממילא אלע ברכות פון די קומענדיגן וואך וועט דאך קומען פון דעם שבת קודש וואס איז שמחה כפולה און א הארה פון די נס פורים. און עס איז ידוע אז א הכנה צו א שבת אדער א דאווענען ווערט מען א כלי צו מקבל זיין די השפעות. איז על אחת כמה וכמה וואס דער שבת וואס איז טובה ומכופלת בשמחה. איז די הכנה א חוב קדוש כדי מקבל צו זיין די אלע גוט'ס פון דעם שבת קודש. און שלשים יום קודם החג דורשין בהלכות החג ממילא הויבט זיך שוין אן יעצט די הארות פון פסח, און אין הייליגן ספר בית אהרן לפורים שטייט אאמו"ר זצוק"ל – דער גרויסער סטאלינער ר' אשר זצוק"ל– אמר שכפי התענוג והחיות שכל אחד שמקבל בפורים, כך הוא בליל שמורים. קומט אויס אז עס ארבעט אויףביידע וועגן, סיי די חיות פון פורים און סיי די חיות פון פסח זענען געבונדען איינעם מיט דעם אנדערן. און דאס איז דער קשר פון פורים צו ליל שמורים, וואס שמורים איז א לשון פון ווארטן אויף דעם, ואביו שמר את הדבר, אז פורים דארף מען שוין מאכן א הכנה אויף פסח און ממשיך זיין דעם שמחת פורים אין פסח. א פרייליכן פורים און פסח. (שמח זבולון תשע"ח)

# מדור העובדות

## דער סבא קדישא מראדאשיץ היילט אויס זיין ווייב מיט גראז פון גן עדן

איינמאל איז די רעבעצין פון הייליגן צדיק ר' ישכר בער פון ראדאשיץ באקומען א מחלה אויף איר פוס און די דאקטוירים האבן אלע געזאגט אז לא עלינו מען דארף אראפנעמען דעם פוס ווייל די מחלה וועט זיך צושפרייטן. האבן די חסידים מחליט געווען אז מען פארט קיין פיעטריקוב רופן דעם בארימטן דאקטער ר' חיים דוד, זען צו ער קען עפעס טאן.

–הרה"ק ר' חיים דוד בערנאד זצ"ל האט מען גערופן דער "רבי דאקטער". ער איז געבוירן געווארן שנת תקל"ה מיט א ברכה פון הייליגן ר' אלימלך מליזענסק זיע"א. ער איז געווען זייער באקאנט און איז געווען א גרויסער דאקטער אין פיעטריקוב. ביז ער איז געווארן דער דאקטער פון קעניג. ער איז געווארן א בעל תשובה דורך דער הייליגן ר' דוד מלעלוב. און ער האט געמאכט א קידוש השם און איז געגאנגען אנגעטאן ווי א רבי און ער האט מפרסם געווען אז ער איז נאר א שליח פון אויבערשטן וואו ער איז געגאנגען.–

ר' חיים דוד פלעגט נעמען געלט צו באזוכן א קראנקן פון 10 ביז 25 גאלדענע רענדלאך. ווען די שלוחים האבן פארגעלייגט דעם מצב די פון רעבעצין האט ער געזאגט ער איז מסכים צו גיין פאר 10 רענדלאך. האבן זיי געזאגט אז זיי האבן נישט קיין געלט. האט דער דאקטער נישט געוואלט הערן האבן זיי געמוזט ארום גיין נאך נדבות ביז זיי האבן געשאפט 10 רענדלאך.

ווען דער דאקעטר איז געקומען באזוכן די רעבעצין האט ער אויך פעסט געשטעלט ווי די אנדערע דאקטוירים האבן געזאגט. און האט גערעדט מיטן רבין וואס ער האלט און אז ער וועט צוריק פארן קיין פיעטריקוב ברענגען זיינע כלים און מעדיצין צו מאכן די ניתוח ביים רבין אין שטוב. דער דאקטער פארט שנעל אהיים, און אין שטוב פון רבין איז דא א צובראכענקייט! איינער פון די נאנטע האט געהייסן ר' ישראל הלוי, ער איז געווען א שטאלצער און נישט געכאפט התפעלות, און איז געגאנגען צום רבין און געזאגט דער רבי קען העלפן די גאנצע וועלט און נישט פאר זיין רעבעצין? איך וועל נישט לאזן דעם רבין דאווענען ביז ער וועט ברענגען א ישועה פארן רעבעצין אן קיין ניתוח. דער רבי האט גארנישט געזאגט און ער וויל זיך שטעלן דאווענען און ר' ישראל הלוי לאזט איהם נישט. אזוי איז דאס אנגעגאנגען ביז דער רבי האט זיך געבראכן און געזאגט איך זאג צו אז זי וועט האבן א רפואה אן א ניתוח לאז מיר שוין דאווענען! ר' ישראל האט מסכים געווען און געלאזט דעם רבין דאווענען. דער רבי האט זיך געשטעלט דאווענען שחרית מנחה און מעריב ווייל עס איז שוין געווארן שפעט אין טאג.

נאכן דאווענען איז ר' ישראל הלוי געגאנגען צום רבין און געפרעגט וואס וועט מען יעצט טאן? האט דער רבי געזאגט: נעם מיין מעסער פון המוציא און גיי אין בית הקברות און לעבן יענעמ'ס קבר וואקסט א סארט גראז און שנייד פון די גראז מיט די מעסער, און ברענג מיר א בינטל גראז. זאגט ר' ישראל הלוי איך האב מורא צו גיין אין א בית הקברות ביינאכט, און עס איז אויך אסור צו גיין אליין! האט איהם דער רבי געזאגט נעם מיין שטעקן וואס די מזיקין וועלן מורא האבן פון דעם, און אזוי וועסטו גיין אין בית הקברות ביינאכט.

ר' ישראל הלוי האט געפאלגט דעם רבין און האט גענומען דעם שטעקן און איז געגאנגען אין בית הקברות. ער האט געזאגט אז ער האט געפילט ווי ער גייט אין א אנדערער וועלט מיט א גרינגקייט, ער איז אנגעקומען פלוצלונג צו יענעמ'ס קבר און זעט די גראז און ער שנייד פון דעם אראפ א בינטל און ברענגט דאס צום רבין. דער רבי נעמט די גראז און גייט אריין אין צימער און פארמאכט די טיר. דער רבי האט עפעס פארפראוועט מיט די גראז. ווען דער רבי איז ארויס פון צימער האט דער רבי גענומען א באנדארש און ארויף געלייגט אויף איר פון די גראז, און געהייסן אז מען זאל לייגן די באנדארש אויפן וואונד און דאס צובינדן.

ווען מען האט געענדיגט ארויף לייגן די באנדארש, האט דער רבי געשטעלט זאגן א תפילה. און נאכדעם האט די רעבעצין געזאגט אז זי פילט זיך אביסל בעסער. האט דער רבי גענומען א ביסל וויין און דאס געגעבן צו די רעבעצין צו טרינקען און געזאגט אז זי וועט האבן א גאנצע רפואה, נאכדעם וואס דער רבי האט געטאן זיין ארבעט איז אנגעקומען דער דאקטער און געזאגט אז ער איז גרייט צו מאכן די ניתוח. האט איהם ר' ישראל הלוי געזאגט אז דער רבי האט שוין אויסגעהיילט די פוס און מען וועט נישט דארפן האבן קיין ניתוח. דער דאקטער האט נישט געגלויבט וואס ער האט געהערט און האט אראפ גענומען די באנדארש און האט געזעהן ווי די וואונד איז געווארן בעסער! דער רבי האט געהייסן צוריק לייגן די באנדארש ביז באנאכט, כדי עס זאל נישט שאטן א עין הרע. דער דאקטער האט מסכים געווען צוווארטן און מען האט אזוי געטאן און דעמאלטס באנאכט האט דער דאקטער געזען אז די פוס אין אינגאנצן אויסגעהיילט.

האט דער דאקטער געפרעגט ר' ישראל וואס פאר א מעדעצין האט מען אריינגעלייגט אין די באנדארש? האט ר' ישראל איהם דערציילט אז ער האט גענומען גראז פון בית הקברות און דאס געברענגט פארן רבין. האט דער דאקטער געזאגט דאס מוז זיין גראז פון גן עדן. ווייל אויף דער וועלט איז נישטא אזא גראז וואס קען היילן. דער דאקטער האט איינגעבעטן ר' ישראל הלוי ער זאל אים ווייזן וואו איז די גראז, ווייל עס וועט אים קענען נוצן צו העלפן נאך מענטשן. און האט געגעבן פאר ר' ישראל הלוי אפאר מטבעות. זיי זענען געגאנגען צו יענעם קבר אבער צו זייער וואונדער איז נישט געווען קיין זכר פון גראז! האט דער דאקטער יעצט געזען די גרויסקייט פון הייליגן ראדאשיצער, און פארשטאנען אז דער רבי האט גענומען די רפואה פון א העכערן פלאץ.

דער דאקטער האט געזוכט א רבין איז ער געבליבן אויף שבת. ביים טיש האט דער רבי מכבד געווען צו זיצן לעבן איהם און אינמיטן עסן האט דער דאקטער געפילט ווי איין האנט איז געליימט און ער קען דאס נישט רוקן! דער רבי האט איהם געגעבן לחיים אבער ער קען נישט געבן די האנט און פון בושה זאגט ער צום רבין מיין האנט איז געליימט! האט איהם דער רבי געזאגט דאס איז א עונש וואס דו האסט גענומען 10 רענדלעך פון די חסידים פארן קומען און עס שטייט כַּף אַחַת עֲשָׂרָה זָהָב, איין האנט ווערט געליימט ווייל מען נעמט 10 גאלדענע רענדלעך אומזינסט. זאגט דער דאקטער עס איז שבת און איך קען יעצט נישט צוריק צאלן? זאגט אים דער רבי גיב מיר דיין זייגער פאר א משכן און ער האט אזוי געטאן און די האנט איז געווארן אויסגעהיילט. פון דעמאלטס אן איז ער געווארן א נאנטער חסיד פון הייליגן ראדאשיצער צדיק זיע"א.

**_הוצא לאור ע"י "עולם הספרים" המרכז העולמי לספרים שאינם בנמצא ולספרים עתיקים וכתבי יד - צו פארקויפן_**

מכתב קודש של הקדושת ציון מבאבוב הי"ד תרפ"ט מלא ברכות ה' $12000. חומש עם פירוש שם אפרים ותוצאות חיים טשערנאוויץ תרי"א $4000, משנה למלך שהמהרי"ל דיסקין נתן במתנה $3500, מכתב קודש כולו כתב יד של הרה"ק ר' אליעזר פיש אדמו"ר מאטעסאלקע $800,, אור ישראל על הזוהר מגיד מקאזניץ דפו"ר $500, ספר מטה אפרים שייך להגאון ר' אברהם פאם $180, ספר טל חיים וברכה ליסקא עם חתימות ר' חיים בנימין גראם ממונקאטש, א תעודה מיט חתימת הרה"צ מטאש זצוק"ל, א בריוו פון הרה"ק ר' מרדכי ובנו ר' אברהם די זוויהעלע רבי'ס זצוק"ל, א גמרא פון הגאון ר' שלמה היימאן זצ"ל $600, גאנצע תהלים געדרוקט אין זיטאמיר פעלט דעם שער $2000, 5 כרכים משנה ברורה עם עוד ספר מיט מוגה כת"י געקויפט פון חפץ חיים אליין $3000 ספר גבורת ארי מוגה ע"י חפץ חיים $400 שו"ת אור המאיר מיט הקדשה פון הגאון ר' מאיר שפירא מיט פיל לומדישע הגהות $3000 , מעבר יבוק דפוס זיטאמיר $1000, ברית אברהם דפוס ראשון $1500 , ספר היכלות הזהר עם פירוש הגר"א דפו"ר שייך להגאון ר' שמואל העללער $2000, א אלטע זילבערנעם שטעקן פון דער טאלנא רבין פון פילאדעלפיה $2000 רי"ף מיט חתימה ר' ברוך בענדיט ליכטנשטיין אביו של הרה"ק ר' הלל מקאלאמייא $5000,

20,000 ספרים און בריוון און דאקומענטן צום פארקויפן **דער גליון איז לעי"נ הבחור יוסף שמואל ע"ה ב"ר צבי אלימלך נ"י, און לעי"נ ידיד נפשי המקובל הצדיק ר' מיכאל בן רחמים נימני זצ"ל כ"א תמוז תשע"ז**

**If you have good condition older seforim bring them in to us at no charge 4403 16 Ave Brooklyn, NY 11204 USA 718 438 8414 718 633 5500**

**T/f Hours are 11-7:30 Fri till 1:30, To receive pardes: send to- pardesyehuda1@gmail.com or pickup in the store from Wednesday also on the web at _WWW.SEFORIMWORLD.COM_**